# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **וירא - חיי שרה** תשפ"ב ◆ עלון מס': **75**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### נישט דער גבאי און נישט דער סערווירער זענען שולדיג!

אנהייבנדיג דער פינעפטער פרק פון שער הבטחון אין דער ספה"ק חובת הלבבות ערוועקט זיך די שאלה וואס גייט אונז דער הייליגער רבי מחדש זיין אין דעם פרק.

די פרקים ביז אהער זענען מלא וגדוש מיט יסודות אין בטחון. עס דוכט זיך פאר'ן לערנען אז ער איז שוין קלאר אין יעדן יסוד וואס פעלט זיך אויס צו זיין א מושלם אין די מידה פון בטחון און פרעגט זיך וואס נאך גייט מען דא לערנען?

דער בעסטער ענטפער צו די שאלה געבט דער בני יששכר. דער טיטל וואס דער בני יששכר באטיטלט דער בעל חובת הלבבות איז אלץ דער רופא הנפשות, דער דאקטאר וואס קען דער מענטש מיט זיינע נאטורן דורך און דורך און אין זיינע ווערטער קען מען טרעפן א היילונג פאר יעדער סארט זעהלישער שוואכקייט און צווייפעלניש.

דער בעל חובת הלבבות האט אין דעם שער געשיקט אן ענטפער פאר די שאלה וואס וועט מעגליך ארויפשווימען ביי א איד וואס האט דורכגעלערנט אלע פרקים ביז אהער.

א איד וואס האט אדורכגעלערנט די פרקים און זיך מייגע געווען אויף איר אז ער איז געווארן איבערגעצייגט אין די אויפריכטיגקייט פון וואס עס שטייט אין איר איז זיכער ביי זיך אז ער האט צוגעטראפן צום דרך האמת. ביי אים איז קלאר אז נאר מיט'ן וויסן די יסודות קען מען לעבן אויף די וועלט ערליך און דערהויבן אבער ווען דער איד שפאצירט אריין אין שול און באגעגנט זיך מיט אנדערע אידן וואס זענען נישט אויסגעקאכט אין די ווערטער פון דעם בעל חובת הלבבות און זענען אויך לייטישע און ערליכע אידן ווערט אים שווער די קשיא מיט וואס בין איך אנדערש פון די אידן?

אז אזא שאלה זאל נישט זיין שווער ווידמעט דער רבי דער פינעפטער פרק. אין דעם פרק רעכענט ער אויס זיבן חילוקים צווישן דער איד וואס האט זיך מייגע געווען אויף בטחון און אן אנדערע איד.

גאנצע זיבן חילוקים איז דא, אבער מיר וועלן דא באריךן איין חילוק.

דער לשון פון דעם רבין איז **כי הבוטח באלקים רוצה בדינו בכל עניניו ומודה לו על הטובה ועל הרעה כמו שאמר איוב השם נתן השם לקח יהיה שם השם מבורך מעתה ועד עולם.**

א איד וואס לעבט מיט בטחון איז נישט נאר משלים מיט די געשעענישן וואס עס האט אים באטראפן! ער באגענוגט זיך נישט מיט א געצוויגענער 'גם זו לטובה'. אזא איד דאנקט השי"ת בשמחה אויף דער דין וואס עס האט אים באטראפן.

אזא סארט איד דאנקט השי"ת אז ביי די קידוש וואס א מתפלל אין שול האט געמאכט האט זיך פונקט אויף אים איבערגעריידט די הייסע טעלער לאקשען קוגל און די הערינג און פארשמירט זיין נייער טלית און נארוואס אויסגעוואשענע בעקישע.

נישט נאר ווערט ער נישט אין כעס און באוויינט די שאדן אדער איז משלים דערמיט, נאר ער איז אויף די מדריגה פון א '**רוצה בדינו**' ער איז גליקליך און צופרידן אז דווקא ביי אים האט עס פאסירט און לויבט השי"ת אויף דעם ווייל ער ווייסט אז אלעס וואס געשעט מיט אים איז גאר זיין טובה.

אנשטאט זוכן די שולדיגע און באשולדיגן די גבאים אז זיי האבן געמאכט די דורכגאנג שמאל אדער די סערווירער אז זיי זענען נישט געווען גענוג פארזיכטיג, איז ער פריילין און צופרידן מיט די געשעעניש.

און צו די דרגה פון לויבן השי"ת און אנערקענען מיט אן אמת אז אויך די הארץ שרייט, קומט מען נאר אן אז מען הארעוועט אין בטחון. מען קען דאנקען השי"ת און עס איז א גרויסער זאך, אבער מען קען שטייגן נאך א דרגה אז די בטחון זאל זיין אזוי איינגעווארצעלט ביי דעם מענטש אז מען זאל לויבן אז מען איז שטעקן געבליבן אין טרעפיק.

דער מלבי"ם אין איוב אויפ'ן פסוק 'השם נתן והשם לקח' איז מדייק אז דער שם וואס איוב האט גענוצט איז דער שם הוי"ה וואס ווייזט אויף מידת הרחמים ווייל איוב האט געלויבט אויך אויף דער דין גלייבנדיג אז עס איז רחמים גמורים.

און צו אזא דרגה אז מען זאל לויבן אויך אויף וואס עס זעט אויס שלעכט קומט צו דער איד וואס לערנט בטחון.

זאל השי"ת געבן מען זאל זוכה זיין דערצו.

[ארויסגענומען פון שיעור 221 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א מאנטאליכער געהאלט אין א האלבער שעה טעגליך

א ספאנטאנישער מעסעדזש האט א איד איבערגעלאזט אויפ'ן טעלעפאן ליניע:

דער איד דערציילט די פאלגענדע: די עקעאנמישע לאגע אין שטוב איז געווען זייער געדרוקט. עס האט געפעלט געלט אויף די מינימאלישע הוצאות און זענדיג ווי עס ווערט נאר שווערער האב איך געטראכט צו מיר אז אפשר איז אנגעקומען די צייט אז אויך איך זאל ארויסגיין פון שטוב ארבעטן און אריינברענגען פרנסה אין שטוב.

איך האב געטראכט פון דעם אבער מצד שני האב איך געשפירט ווי איך בין נישט מסוגל ארויסצוגיין פון שטוב ארבעטן. עס האט מיר אויסגעזען גרעסער און שטערקער ווי מיינע כוחות, איך האב נישט געוואוסט וואס כ'דארף טון.

אין א טאג זאגט מיר מיין מאן אז ער האט געטראפן פאר מיר א גרינגע ארבעט. די ארבעט פאדערט בלויז א האלבער שעה פון טאג און מען קען עס מאכן אויך פון שטוב.

"ביסטו גרייט אויף אזא ארבעט?"

וועלכער ארבעט איז דא אויף די וועלט מיט אזוינע גרינגע תנאים? איך האב זיך געוואונדערט צו זיך אליין. איך האב גלייך מסכים געווען.

"הער אויס יעדן טאג א האלבער שעה די השגחה פרטית טעלעפאן ליניע".

מיין מאן האט צוגעלייגט אז עס מאכט נישט קיין חילוק וועמען איך הער אויס, אזוי לאנג ווי איך הער איינעם אויס, איין תנאי איז דא עס דארף זיין א האלבער שעה צייט.

איך האב עס אנגענומען! אזא געשמאקער ארבעט - פאר אלע אידן געווינטשן.

און די געהאלט? פון ווען איך ארבעט אין די נייע ארבעט הער איך נישט אויף צו פארדינען! איך פארדין רואיגקייט, געשמאקקייט און אויך געלט, איך זעה איין ווי השי"ת איז מיט מיר און העלפט מיר אויף טריט און אויף שריט.

מיט די ווערטער: א גרויסן דאנק פאר אייערע ארבעט! ענדיגט זיך דער מעסעדזש.

דער מעסעדזש האט מיר מורא'דיג באנומען! איך האב זיך געוואקלט צי איך זאל עס אריינשרייבן דא. די היינטיגע וועלט האט ליב סגולות. איינער קען נאך מיינען אז עס איז א סגולה און אז די סגולה ארבעט נאר אז מען הערט אויס א גאנצער האלבער שעה. אויב עס פעלט א מינוט האט מען נישט יוצא געווען די סגולה, אבער כ'האב זיך מיישב געווען אז כ'ברענג עס יא אראפ דא, א איד קען נאך האבן א תועלת פון דעם.

א איד האט מיר אמאל פארציילט אז ער האט אויפגעהערט צו לייענען צייטונגען. די צייטונגען זענען פול מיט מינות וכפירה. א גאנצן טאג לייענט מען אז דער האט דאס געמאכט, דער האט געמאכט א נייער געזעץ, צוליב דער פאטענט האט דער און דער פארדינט אזויפיל געלט. עס מאכט קאלט די אמונה. אלעס מאכט דער באשעפער! קיין איינער אויסער אים מאכט נישט גארנישט!

גענוי דער געדאנק הערט מען אויפ'ן טעלעפאן ליניע. דער ליניע שרייט אויס איין זאך: עס רופט אויס אז השי"ת טוט אלעס. ער געבט פרנסה, ער געבט כח, ער געבט נחת, ער איז אלעס.

טייערע אידן! עס איז נישט קיין נפקא מינה ווילאנג מען הערט אויס! דער עיקר איז די קביעות. צו הערן טאג נאך טאג דברי אמונה און זיך דערמאנען נאכאמאל און נאכאמאל אז השי"ת פירט די וועלט. עס איז נישט קיין סגולה אבער אז מען הערט עס אזויפיל גייט עס אריין אין די ביינער.

פראבירט עס אויס און צייגט זיך אליינס איבער און זייט זוכה צו לעבן מיט אמונה און געניסן פון שפע רב וכל טוב.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פון וואו קומט צוגיין א טויזנטער?

מיט עטליכע וואכן צוריק האב איך אין א פרייטאג באגעגנט א חשובער איד. דער איד א גרויסער תלמיד חכם האט זיך באקלאגט פאר מיר אז ער איז זייער געענגט אין געלט, ער האט ממש נישט אויף שבת צו מאכן. איך האב אויך נישט געהאט ביי מיר עפעס עקסטער אבער הערנדיג איבער זיין נויט האב איך באשלאסן אז כ'גיי גיין צוזאמען מיט אים נאך געלט.

מיר זענען ארום אין די שטיבלעך נאך געלט. מען האט מעורר געווען ביים ציבור און דער עולם האט זיך זייער שיין אנגערופן. עס דערווארעמט דער הארץ עס צו צוזען נעמענדיג אין באטראכט אז קיין איינער פון די אידן איז נישט פארמעגליך. עס איז בלויז אז מען רייסט אוועק דאס ביסן פון ברויט פאר א צווייטן איד.

ביים ענדע נאכ'ן גיין אפאר שעה נאך געלט האבן מיר אפגעציילט די סומע. אלעס אינאיינעם האט עס באטראפן די סומע פון טויזנט שקל. די סומע איז געווען גענוג לייטיש אז דער איד זאל זיך קענען איינהאנדלן וואס ער דארף אויף שבת, און מיר האבן זיך געשיידט.

די געשעעניש איז מיר כמעט ארויסגעפלויגן פון קאפ אבער עטליכע טעג שפעטער האב איך באקומען א דערמאנונג פון הימל אויף די מעשה טוב.

מיין פאך פאדערט פון מיר איך זאל דינגען פאר מיר א צימער וואו כ'ארבעט. דער צימער קאסט מיר צודינגען טויזנט שקל א חודש. ווי יעדן חודש האב איך ביי דער באשטימטער צייט אפגעטראגן די געלט צום משכיר אבער צו מיין וואונדער האט ער מיר צוריקגעגעבן די געלט.

"איך האב דיר פארגעסן צו זאגן אז דער חודש נעם איך נישט פון דיר קיין געלט".

וואס איז געשען? האב איך געוואלט פארשטיין.

דער איד האט מיר געגעבן צו פארשטיין אז ער האט געמאכט רענאווירונגען אין די געביידע. די איבערבויערייי האט מיר זיכער געשטערט פון מיין ארבעט. סיי די גערודער און סיי די שטויב, ער שפירט אז ער קען נישט נעמען קיין געלט פון מיר. איך האב זיך פראבירט צו טענה'ן מיט אים, אבער ער איז געווען מער פאר'עקשנ'ט ווי מיר און ער האט אויסגעפירט.

ווען איך האב זיך געמאכט א חשבון פון וואו קומט צו מיר די איבריגע טויזנט שקל האב איך זיך דערמאנט פון די געלטגיין. עס איז געווען ביי מיר א סימן פון הימל אז איך האב געטון א גוטער זאך מיט דער גיין נאך געלט און אז פון הימל האט מען מיר צוריקגעצאלט מידה כנגד מידה אז אויך זאל פארדינען די סומע פון טויזנט שקל.

## דער באקאנטער מעשה

אויסהערנדיג די השגחה פרטית האטליניע האב איך געהערט ווי א איד דערציילט איבער א סגולה צו טרעפן א שוכר פאר א דירה אז מען זאל דערציילן א געוויסער מעשה און דורכדעם זוכה זיין צו א ישועה.

אבער דער מְסַפֵּר האט נישט געזאגט וועלכער מעשה מען דארף דערציילן.

אין יענער צייט האב איך אויך געזוכט איינער זאל דינגען מיין דירה. איך האב זיך געוואלט באנוצן מיט די סגולה וואס ער האט געגעבן, אבער אזוי ווי ער האט נישט דערציילט די מעשה האב איך ביים מתפלל זיין אז איך זאל טרעפן איינער זאל דינגען די דירה, געזאגט פאר השי"ת אז יענער מעשה קען איך נישט אבער איך קען יא אסאך מעשיות פון השגחה פרטית, און אז כ'בין זיכער אז ווען איך וועל דארפן א דירה וועט מיר השי"ת צושיקן א פאסיגער מענטש זאל דינגען מיין דירה וועט מען אים שיקן פון הימל.

איך האב עס געזאגט מיט די גאנצע אמונה. עס האט נישט געדויערט לאנג און איך האב זיך געטראפן איינער וואס זאל דינגען מיין דירה מיט גוטע באדינגען.

## דער מיניוועזן ווארט נאר אויף מיר

איך וואוין אין די שטאט בני ברק. עס האט זיך אויסגעשטעלט אז כ'וואוין אין איין עק בני ברק און מיינע עלטערן וואוינען אין דער צווייטער עק שטאט.

פון צייט צו צייט וועל איך גיין צו זיי אויף שבת מיט די משפחה.

דער סדר איז אז ווען כ'גיי אהין וועל איך א שעה פאר שבת ארויסנעמען א מיניוועזן פון די לאקאלע טעקסי קאמפאני און מיט אלע קינדער און די געפעק זיך ארויפפאקן אויפ'ן מיניוועזן און אהין פארן.

אין די לעצטע צייט צוליב א געשעעניש אין די קהילה האבן זיך אלע מיטגלידער

## א גריס פאר ר' משה

אין די לעצטע האלבע יאר האב איך און מיין בני בית זיך וואלאונטירט אין די קאראאנע אפטיילונגען פון די שפיטעלער אין ארץ ישראל. דער וואלונטיר ארבעט איז נישט א גרינגער זאך. עס נעמט אריין אין זיך אויסער דער זיך אנקליידן מיט קליידער וואס דו קענסט אין זיי כמעט נישט אטעמען און אויך איז עס זייער הייס אין דעם און נאך אסאך שוועריגקייטן, אבער זעענדיג ווי די עבודת הקודש איז ממש מציל אידן שפיר איך ווי די שוועריגקייטן צאלן זיך אויס.

דער בלויזער זיין דארט מאכט אויס א געוואלד. די קראנקע ליגן דארט איזאלירט. זייער באזירונג מיט די וועלט איז באגרעניצט. זיי שפירן זיך ווי פארגעסענע מענטשן און מיט יעדן גוט ווארט וואס מען זאגט זיי בלאזט מען אריין אין זיי חיות און א לעבנסגייסט, מען וויזט זיי אז איינער געדענקט זיי און מען געבט זיי א סיבה פאר האפענונג.

אמאל איז דער ווילן דארט אויך א הצלה אין פיזישן זין פון ווארט. אז מען איז דארט קען מען צורוקן א רער צו איינעם אדער זיכער מאכן אז איינער עסט עפעס און מיט דעם האסטו פשוט געראטעוועט דער לעבן פון א איד.

ביי איינער פון מיינע וועכענטליכע באזוכן האב איך געכאפט א שמועס מיט א איד. אזוי רעדנדיג מיט אים האט ער זיך אויסגעגאסן פאר מיר דער הארץ אז ער איז פשוט הונגעריג. מען טיילט אסאך עסן אין דער אפטיילונג אבער די עסן וואס מען טיילט ציט אים נישט. זיין הארץ גלוסט נאך עפעס בעסער'ס.

"וואס וואלסטו ווען געוואלט"?

"ווען איך וואלט ווען געהאט דא א גוטער שטיקל קאקאש קעיק וואלט איך עס געגעסן מיט אפעטיט".

איך דריי זיך נישט ארום מיט קיין קאקאש קעיק אין טאש. אזוי אז איך האב אים נישט געהאט די מעגליכקייט צו דערפולן זיין פארלאנג אויפ'ן ארט, אבער איך האב עס זיך פארצייכענט ביי מיר.

עטליכע טעג שפעטער ווען איך האב זיך געגרייט אויף נאך א באזוך אין שפיטאל בין איך אריבער אין א לאקאלע בעקעריי און נאכ'ן זאגן פאר'ן בעקער אז איך דארף קאקאש קעיק פאר א איד וואס ליגט אין שפיטאל איזאלירט אין די קאראאנע אפטיילונג האט ער בשמחה רבה מנדב געווען עטליכע קעיקס פאר דעם איד.

אזוי ווי עס איז ליידער דא נאך אפטיילונגען אין די שפיטעלער אויסער די קאראאנע אפטיילונג, האב איך זיך געמאכט א סדר מיט מיין בני בית אז איינמאל א וואך גייט זי אריין אין די קאראאנע אפטיילונג און איינמאל א וואך גיי איך אין די אנדערע אפטיילונגען.

יעצט איז געווען די רייע פון מיין פרוי אריינצוגיין אין די קאראאנע אפטיילונג. איידער איך בין אריין האב איך מיטגעגעבן פאר מיין בני בית די מזונות און איר אויך מיטגעטיילט מיט א טעלעפאן קאלל וואס איך האב לעצטענס דערהאלטן פון א איד וואס וואוינט ביי אונז אין שטאט. דער איד וויסענדיג אז כ'גיי ארום אין די שפיטעלער און באזוך ביי אידן וואס ליידן אויף די קאראאנע ווירוס האט מיר אריינגעקלינגען זאגנדיג אז ער האט א גוטער ידיד וואס ליגט דארט. דער איד הייסט משה. דער איד באטייליגט זיך ביי אונזער שיעור און לעצטענס קומט ער נישט צו די שיעור.

"זאג אים אז מיר האבן נישט פארגעסן פון אים. אז טאג טעגליך ביים שיעור רעדט מען פון אים. עס וועט אים אויפלעבן".

די געציילטע שליחות'ער האב איך איבערגעגעבן פאר מיין פרוי איידער זי איז אריין אין דער אפטיילונג. אזוי רעדנדיג שטעלט זיך אפ א איד און הערנדיג ווי מיר רעדן פון משה דרייט ער זיך אויס צו מיר און געבט מיר א פרעג.

"וואס האסטו מיט משה"?

איך קוק אים אן און ער דערציילט מיר אז ער איז זיין זון.

דער זון איז געווען באגייסטערט פון וואס ער זעט און אזוי ווי ער האט מיטגעהאלטן דער גאנצער שמועס האט ער זיך אויך צוגעהערט צו די מעשה מיט די קאקאש קעיק און עס האט אים אויך באריט.

"איך בין נישט קיין פרומער איד. מיין בליק אויף פרומע אידן איז אלעמאל געווען נעגאטיוו. מיין טאטע גייט טאקע צו שיעורים אבער ער האט אונז קיינמאל נישט געגעבן קיין ערליכע חינוך. יעצט איז דער ערשטער מאל וואס איך באגעגן זיך מיט די פרומע אידן און זעה די שיינקייט פון זייערע מעשים".

דער איד האט נישט געזאגט אז ער גייט ווערן א בעל תשובה, אבער עס איז געווען קענטליך אז די מעשה האט אים באריר צום פינטל.

איך האב געזען א השגחה פרטית, אז פונקט איז דער איד אריבער דארט ווען מיר האבן גערעדט וועגן זיין טאטע, ער האט געדארפט הערן די ווערטער און ווערן באנומען פון דעם און ווער ווייסט אפשר דורכדעם וועט זיך זיין אידישער פינק צופלאמען.

## אראפ מיט'ן אדווערטיימענט נאך פאר שבת

דא רעדט מנחם פון בני ברק:
נאך עטליכע יארן פון זיך באנוצן מיט מיין קאר בין איך אנגעקומען צו א שטאפל אז איך האב זיך געוואלט פארקויפן מיין אלטער קאר און זיך קויפן א נייער. רעדנדיג מיט א מומחה וואס קען זיך אויס אין קאַרן האט ער מיר געזאגט אז די קאר וואס כ'שטעל ארויס צום פארקויפן איז נישט צופיל ווערד און אז ווארשיינליך וועל איך דארפן ווארטן א לאנגער צייט ביז ווען איך וועל קענען לויז ווערן פון מיין קאר.
קיין אנדערע ברירה האב איך נישט געהאט. איך האב באשלאסן אז כ'גיי מאכן השתדלות. דער סדר דאהי איז אז מען קלעבט ארויף א צעטיל אויפ'ן קאר אז דער קאר שטייט צום פארקויפן באגלייט מיט א טעלעפאן נומער און מען ווארט אז איינער זאל זיך מרחם זיין און עס קויפן.
ווען איך האב עס ארויפגעלייגט האט ביי מיר דורכגעבליצט א געדאנק. עס איז נישט די ערשטע מאל וואס אריבערגייענדיג שבת אין די גאסן האב איך זיך באגעגענט מיט קארס וואס האבן אויף זייער פענסטער אזא צעטיל. דער צעטיל ציט די אויג, בפרט ביי איינער וואס זוכט א קאר און וועגן דעם האב איך באשלאסן ביי מיר אז בעפאר שבת וועל איך אראפרוקן די צעטיל פון מיין קאר אז אנדערע אידן זאלן נישט נכשל ווערן.
עס איז געווען דאנעשטאג נאכמיטאג ווען כ'האב געוואשן די קאר ווען עס גייט אריבער א יונגערמאן נעבן מיר. זעענדיג דער צעטיל האט ער זיך אינטערעסירט ביי מיר וויפיל דארף צו קאסטן אזא קאר. הערנדיג די פרייז האט ער געזאגט אז ער וויל עס אויספראבירן.
ער האט געדרייווט מיט דעם און ער קומט צוריק צו מיר זאגנדיג אז ער וויל שליסן דעם געשעפט.
איך האב איינגעהאלטן מיין קבלה!

## א קדיש נאך אן עלענדער מענטש

אין דער געגענט פון בית ישראל אין ירושלים האט כל ימיו געוואוינט אן עלענדער ספרדישער איד מיט'ן נאמען שלמה אדרי ז"ל.
אדרי, א ספרדישער איד, האט יארן לאנג געדאווענט אין די שושנים לדוד שול. פאר אלע זיינע יארן האט ער געהאט א מנהג אז ער פלעגט ברענגען אין שול פאר די מתפללים קאווע מיט קעיק און אויך געשמאקע פרישע פיטשעס אז דער עולם זאל זיך קענען דערמיט דערקוויקן דער הארץ.
ווען ער איז אוועק פון די וועלט איז געווען א בחור וועלכער האט זייער רחמנות געהאט אויף אים. וויסענדיג אז ער האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער נאך זיך האט ער גענומען אויף זיך צו זאגן קדיש. דער בחור אליין איז נישט געווען א יתום, ער האט געהאט א טאטע מיט א מאמע אבער זעענדיג אז עס נישט דא קיין צווייטער האט ער גענומען אויף זיך די מצוה און געזאגט קדיש נאך אים. ביי יעדער קדיש האט ער נאכ'ן ענדיגן אויסגערופן הויעך אז די קדיש זאל זיין לעילוי נשמתו פון ר' שלמה אדרי ז"ל.
אין א טאג האט דער בחור געדאווענט אין איין מנין מיט זיין זיידע דער דיין הרב ציון בוארון שליט"א. דער מנין ענדיגט דאווענען און מען קומט אן צו קדיש יתום און פלוצלונג הערט דער זיידע אז זיין אייניקל זאגט קדיש.
"נאך וועמען זאגסטו קדיש?"
דער אייניקל האט אים דערציילט די מעשה. דער דיין האט געזאגט אז עס איז מקובל אז איינער וואס האט עלטערן זאגט נישט קיין קדיש און ער זאל אויפהערן. דער אייניקל האט טאקע אויפגעהערט.
די מעשה האט פאסירט שבת. יענעם מוצאי שבת קלינגט אריין איינע פון די שוועסטערס און דערציילט פאר'ן דיין אז נעכטן נאכט האט זי געהאט א מאדנע חלום. זי האט זיך גע'חלומ'ט ווי שלמה אדרי קומט צו איר אין חלום און שרייט אויף איר וואס בין איך שולדיג אז איך האב נישט קיין קינדער?
"וואס קען אזא חלום מיינען?".
דער דיין האט גלייך געוואוסט און עס גענומען אלץ א סימן אז די נשמה ווארט אויפ'ן קדיש.
מערקווירדיג איז אז דער בחור איז א חתן געווארן אין דער יארצייט טאג פון ר' שלמה אדרי ז"ל.

פון די קהילה אנגעשלאסן און זיך פארגענומען א קבלה טובה אין די קהילה, די קבלה טובה איז געווען אז מיר גייען מקבל זיין שבת צען מינוט פאר'ן זמן.
אויך מיר האבן זיך אנגעשלאסן אין די קבלה טובה און טאקע ווען עס איז געקומען צו גיין דער שבת ווען מיר גייען פארן צו אונזערע עלטערן, האבן מיר עס גענומען אין חשבון.
מען האט איינגעפאקט אלעס און זיך ארויסגעלאזט זוכן א מיניוואן וועלכער זאל אונז אפפירן צו אונזער ציל.
אלעס איז שוין געווען גרייט אבער אנדערש ווי יעדער מאל איז פלוצלונג ארויסגעקומען אלע מיני שטערונגען וועלכער האבן אונז אפגעהאלטן פון קענען ארויספארן באצייטענס צו אונזער ציל. איך האב געשפירט באשיינפערליך ווי דער יצר הרע לייגט זיך אריין אין די לענג און אין די ברייט אז איך זאל נישט קענען איינהאלטן די קבלה טובה.
דער זייגער האט זיך גערוקט. זעענדיג אז די ישועה זוימט זיך האב איך זיך געשטעלט אין א זייט און מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל מיר העלפן אז איך זאל יא קענען איינהאלטן די קבלה טובה.
אזוי שטייענדיג זעה איך ווי מיין שכן שטייט קעגנאיבער מיר פארענט פון זיין מיניוועו.
"ווילסט ערגעץ פארן"? פרעגט ער מיר.
"יא, זיכער".
נאכ'ן זאגן וואו איך וויל פארן זאגט ער מיר אז איך קען קומען מיט אים ווייל ער גייט סיוווי אהין.
מיר האבן זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן מיניוועו און אפגעפארן דער שטיק וועג. אזוי פארנדיג זאגט מיר מיין שכן אז זיין זון לערנט דארט אין א ישיבה און יעדער וואך פארט ער אהין און נעמט אים אפ.
דער שכן האט צוגעלייגט אז עס איז שוין זיין דריטער זון וואס לערנט דארט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינדערצייט וואס איך זוך פון צייט צו צייט צו רופן א מיניוועו פארט מיין שכן אהין וואך נאך וואך.
איך האב געזען קלאר די השגחה פרטית ווי אזוי אדאנק די קבלה טובה האב איך זיך פארשפארט די מוטשעניש פון יעדער מאל זוכן א טעקסי וויסענדיג אז פון היינט און ווייטער קען איך בעטן דעם שכן וועלכער טוט עס זייער גערן און מיט'ן גאנצן הארץ.

## די תפילה פון גשם

איך וואוין אין אויסלאנד און דער פארלאפענער שמיני עצרת בין איך זיך געזעסן אין שול און זיך געגרייט צו דאווענען שחרית ווען פלוצלונג זעה איך ווי די די וואלקענעס ווערן געדעכטער, א צייכן אז עס גייט אראפגיין א רעגן.
איך בין געווארן אנגעצויגן. איך בין יעצט אין שול און די שלאק פון מיין סוכה איז אפען. אינעווייניג אין די סוכה איז דא אסאך גוטע זאכן און איך האב מורא געהאט אז אלעס גייט קאליע ווערן.
קיין צייט צוריק אהיימצוגיין האב איך נישט געהאט. נאך אביסל הייבט מען אן צו דאווענען און אז כ'וועל אהיימקומען וועל כ'שפעטיגן צום דאווענען, די איינציסטע זאך וואס כ'האב געקענט טון איז געווען מתפלל זיין צו השי"ת אז עס זאל נישט געשען קיין נזקים צו די סוכה, אדער אז מיין פרוי זאל זיך דערוועקן פריער ווי נארמאל און פארמאכן די שלאק.
איך האב נישט געוואוסט צי השי"ת האט מקבל געווען מיין תפלה צי נישט. למעשה האט זי זיך אויפגעוועקט פריער ווי נארמאל און פארמאכט די דאך.
אבער אין יענער מאמענט האב איך נישט געוואוסט פון דעם. מען האט אנגעהויבן דאווענען. איך האב געהאלטן דער סידור אין מיין האנט אבער מיין הארץ איז געווען אין די סוכה. די רעגן איז געווען זייער שטארק און עס איז מיר פינסטער געווארן פאר די אויגן. אין מיין פאנטאזיע האב איך געזען ווי אלעס ווערט דורכגעווייקט נאס, איך האב נישט געהאט קיין מנוחה דערפון.
אינמיטן ווען מיינע מחשבות וואנדערן אזוי אהין און צוריק האב איך זיך געגעבן א כאפ. איך שטיי דא פאר'ן באשעפער און כ'דאווען. עס פאסט נישט אז מען שטייט פאר'ן באשעפער און מען דאווענט צו אים און מען טראכט וועגן אנדערע זאכן. איך האב געמאכט ביי מיר א החלטה אז דאס איז עס! איך בין סיוווי אין די הענט פון דעם רבוש"ע און לאמיר עס איבערלאזן פאר אים. וואס וועט זיין - וועט זיין - איך לאז עס איבער פאר אים!
אין יענער רגע זענען אלע מחשבות אוועקגעגאנגען און איך האב געקענט דאווענען ווייטער ווי א איד דאווענט!
נאכ'ן דאווענען בין איך אהיימגעקומען אין שטוב און געזען אז מיין בני בית האט פארמאכט די שלאק.
אבער דאן האט זי דערציילט דער צווייטער האלב פון די מעשה. זי האט זיך אויפגעוועקט פריער ווי נארמאל. זעענדיג די רעגן איז זי געלאפן פארמאכן די שלאק. זי האט עס פארמאכט און מתפלל געווען צו השי"ת אז זי זאל קענען שיקן איר קינד אין שול אריין צו ברכת כהנים [אינדרויסן פון ארץ ישראל דוכנ'ט מען נאר יום טוב] און ער זאל נישט נאס ווערן און אויך מען זאל קענען מאכן אומגעשטערט קידוש אין די סוכה שמיני עצרת, און בעיקר אז איר מאן זאל נישט ווערן געשטערט ביים דאווענען טראכטנדיג אז די סוכה ווערט נאס און ברוך השם אלע תפילות זענען נתקבל געווארן ברחמים וברצון פאר'ן באשעפער.

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

אין דער שול וואו כ'דאווען קומט אסאך דאווענען א איד וועלכער בעט פון דער גבאי פון שול אז ער וויל צוגיין צום עמוד און דער גבאי געבט אים נאך זיין פארלאנג. דער זאך פארדריסט מיר זייער צוליב מערערע סיבות אבער בעיקר ווייל כ'שפיר אז איך בין אויך א גוטער בעל תפלה און נאר ווייל איך האב נישט די שטארקקייט צו בעטן פון דער גבאי אז כ'וויל דאווענען קומט קיינמאל נישט אויס אז מען זאל מיר צושיקן צום עמוד.
דער זאך דערגייט מיר אזוי שטארק אז עס שטערט מיר דאווענען. מיין שאלה איז, וואס קען מען טון דערוועגן?

שאלה נומער 27 — מ.נ. ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## די 'צנועים' זענען מושך ידיהם

**הרב יעקב אייגענבוים פון נתניה:** צוגיין צום עמוד און זיין דער שליח ציבור איז א גרויסער אחריות! א שומר נפש זאל עס נישט נאכלויפן. איבער די שארפקייט און די גרויסע אחריות ברענגט שוין אראפ דער משנה ברורה בשם דער אליהו רבה [תקפא סק"י] אז דער וואס איז נישט זיכער מיט זיך אז ער קען זיך אפהיטן פון מאכן אפילו איין פעלער זאל נישט צוגין צום עמוד און אויב איז ער נישט ראוי והגון ובקי זאל מען נישט ווארטן ביז ווען ער ענדיגט דאווענען נאר מען זאל אים גלייך מסלק זיין פון דעם עמוד!

**הרב משה חיים מאירזון פון אשדוד:** א בעל תפלה טראגט אויף זיך א גרויסער אחריות. דו דארפסט זיין פריילך און צופרידן אז מען שיקט דיר נישט צו צום עמוד. דער משנה ברורה האט אן אריכות אין די נושא און מיר וועלן דא אראפברענגען אין קורצן זיינע ווערטער [סימן נג ס"ק סה] אז א איד זאל זיך נישט שלאגן אויף קיין שום מצוה ווי גלילות ס"ת א.ד.ג ווייל מיר האבן שוין געלערנט ביי לחם הפנים אז די צנועים זענען מושך ידיהם מלחם הפנים און די גרגרנים כאפן. ענדליך צו דעם ווערט געברענגט אין ספר פלא יועץ ערך תוקע אין דער ערך פון ראש השנה.

## באפריי זיך פון די אפהאלטעניש

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** אין דיינע ווערטער שרייבסטו אז דו בעטסט נישט פאר דיר דעם עמוד ווייל עס פעלט דיר דרייסט. שטארקקייט און דרייסט ווענדט זיך וויפיל דער מענטש גלייבט אין זיינע כוחות. אז דו וועסט גלייבן אז השי"ת האט דיר באשאנקען מיט א טאלאנט אז דו האסט א שיינער קול און אז דו האסט די כוחות צו זיין א שיינער בעל תפלה וועסטו באקומען די דרייסט צו קענען בעטן. עס קען זיין אז דער וואס דאווענט איז אזא איינער וואס האט נישט די זעלבע טאלאנטן ווי דו אבער ער גלייבט אין זיך. נאך א זאך וואס קען זיין אז דיין שטער איז קנאה. דו זעסט ווי ער איז מצליח און דו נישט. עס דוכט זיך דיר אז נאר ער קען און דו נישט. די עצה קעגן קנאה איז פארגינען יענעם און אנקוקן יענעם מיט אַן עין טובה. אז דו וועסט זיך פירן אזוי וועט זיך ביי דיר אויטאמאטיש באפרייען די באגרעניצונגען און אויך דו וועסט קענען דאווענען פאר'ן עמוד גרינגערהייט.

## גוטע עצות

**הרב שלום מילער פון בני ברק:** אז דער זאך זאל דיר נישט שטערן וואלט איך דיר גע'עצה'ט אז דו זאלסט זיך מתנתק זיין פון דאווענען פאר'ן עמוד. אז דו זעסט דער איד אין שול טראכט ביי דיר אז היינט דאווען איך נישט פאר'ן עמוד יהיה מה שיהיה, אפילו אז מ'בעט דיר צוצוגיין און דו זאלסט שטיין דערינען. דער זיך אפהאקן מיט די זאך מאכט גרינגער דער פארמעסט מיט דעם און וועט דיר העלפן קענען דאווענען ווי געהעריג און נישט טראכטן פון וואס עס גייט פאר ארום דיר.

**הרב יעקב זילמאן פון בני ברק:** חז"ל לערנען אונז אז קנאת סופרים תרבה חכמה. דער סימן צו א געזונטער קנאה איז אז עס פארמערט גוטע זאכן. ווען דיין קנאה וואלט געווען א גוטער זאך וואלט עס גורם געווען צו גוטע זאכן אבער אז עס איז נאר גורם הארצווייטאג איז א סימן אז עס איז נישט די ריכטיגע קנאה, די עצה קעגן דעם איז זיך מחזק זיין באמונה אז די הנאה וואס עס איז באשערט פאר דיר וועט אנקומען און וואס נישט - נישט!

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** עס איז ידוע דער מאמר חז"ל [יומא לח ע"ב] אין אדם נוגע במוכן לחבירו אפילו כמלוא נימה. א איד דארף לעבן מיט דעם אז קיין איינער נעמט נישט פון א צווייטער וואס עס קומט זיך פאר אים אפילו נישט כמלוא נימה. דער הארץ ווייטאג איז אן איבריגע זאך. מיין עצה פאר דיר וואלט געווען זיך אנצוגארטלען מיט דרייסט און זיך אויסשמועסן מיט דער גבאי פון שול די נושא אז דו ווילסט אויך צוגיין צום עמוד. אויב דו שעמסט זיך קענסטו אונטערשיקן א צווייטער זאל רעדן מיט אים און ערלעדיגן אז די זאך זאל קומען בשלום.

**הרב דוב קויפמאן פון מודיעין עילית:** דו דארפסט זיך מתבונן זיין אויף צוויי זאכן. איינס אז די החלטה ווער זאל זיין חזן אין שול ליגט נישט אין די הענט פון דער גבאי. געדענק די ווערטער פון דער בעל חובת הלבבות 'כי התועלת והנזק אינם ביד הברואים' אז אלעס פירט זיך פון אויבן. די צווייטע זאך אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. אז עס האט זיך אזוי געפירט אז מען האט יענעם צוגעשיקט איז עס לטובה פאר דיר. עס איז נישט דא קיין שום מקום פאר קנאה אויף א צווייטן.

**הרב אהרן בייפוס פון רכסים:** מען דארף נעמען אין אכט אז השי"ת שיקט אריין בינה יתירה פאר די גבאים וועמען זיי זאלן צושיקן צום עמוד. אפילו אויב דו וועסט זיך איינבעטן וועט עס דיר נישט העלפן. מיין עצה פאר דיר איז אז שטארק זיך אין די מידה פון בטחון ווייל נאר מיט בטחון וועסטו קענען דאווענען ערליך און רואיג.

## שאלה פאר גליון 77

דער וועג וויאזוי השי"ת האט געפירט אז כ'זאל האבן פרנסה איז דורך עבודת הקודש. ברוך השם אז איך האב זוכה געווען צו משלב זיין מיין פרנסה מיט א זעלטענער מצוה. מיין שאלה איז צי מיין פרנסה איז ווי יעדער פרנסה. דהיינו אז איך דארף טון די השתדלות וואס עס פעלט זיך אויס פאר מיין פרנסה און נישט מער אדער ווייל עס האנדלט זיך פון א מצוה ליגט אויף מיר א פליכט זיך אנצושטרענגען מער ווי נארמאל אדער גאר דארף איך זיך אפמעסטן וויאזוי איך פיר זיך אויף ביי אנדערע מצוות און עס צושטעלן צו די מצוה.

מ.מ. אלעד

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת תולדות. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעבאלג שליט"א

# דער פתרון פאר יעדער סארט פראבלעם!

דער גרעסטער מתנה וואס א איד האט באקומען פון הימל איז אמונה! עס איז נישט דא א זאך אין די וועלט וואס א איד קען נישט באקומען אדער פועל'ן דורך אמונה. אז מען האט אמונה האט מען אלעס אין דער וועלט. מיט אמונה קען מען מחיה מתים זיין! מען קען איבערדרייען זילבער צו גאלד! די טבע ווערט בטל ביי איד וואס האט אמונה. א איד וואס לעבט מיט אמונה האט נישט מורא פון גארנישט אין די וועלט און גארנישט אין די וועלט קען אים מזיק זיין. [מאור ושמש רמזי יום א' דסוכות בשם הרה"ק מנעשכיז זצוק"ל]

די גרויסקייט פון אמונה לערנט מען ארויס פון נח. רש"י זאגט אז נח איז געווען פון די קטני אמנה. ער איז געווען א מאמין ואינו מאמין. ער איז נישט געווען זיכער אז עס גייט קומען א מבול, ער האט געהאט ספיקות.

פרעגט זיך די שאלה וויאזוי קען זיין אז אזא צדיק ווי נח זאל האבן ספיקות אין די אמונה? נאר געבט צו פארשטיין דער הייליגער צדיק הרה"ק ר' מיכל מזלאטשוב זצוק"ל [זיינע ווערטער ווערן געברענגט אין ספה"ק אוהב ישראל פרשת נח] אז נח האט געוואוסט דער כח פון אמונה. ער האט געוואוסט אז אמונה איז א ממשיך און אז ער וועט גלייבן אז עס וועט קומען א מבול וועט ער ממשיך זיין די מבול אויף די וועלט און נישט וועלענדיג עס זאל טאקע האט ער נישט געוואלט גלייבן אין דעם מיט'ן גאנצן הארץ.

נורא נוראות! מען זעט דערפון די גרויסע כח וואס אמונה האט!

דער קנין פון די אמונה גייט געבינדן מיט נסיונות. אויך אברהם אבינו האט געהאט נסיונות. די ליצני הדור האבן געלאכט פון אים ווען ער האט געדארפט אראפגיין פון ארץ ישראל צוליב א הונגער יאר אין ארץ ישראל. נאר נאכדעם וואס ער האט זיך אומגעקערט פון דארט מיט א ריזיגע עשירות האבן זיי איינגעזען אז דער גאנצער רייזע איז געווען איין לאנגער קייט פון השגחה עליונה. [חתם סופר]

אלע כעס און מחלוקת אויף די וועלט האט איין מקור. עס קומט פון א חסרון אין אמונה. ווען מען ווייסט אז אלעס איז פון אויבן לעבט מען בשלוה און עס ווערט מקויים ביי דער בעל האמונה דער פסוק והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועליהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח.

**די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באקומער

דער טעלעפאן-ליניע איז געוואלדיג. דער תוכן באנעמט אייביג אבער באזונדער וויל איך אויסדרוקן מיין דאנק פאר דער 'אני מאמין ניגון' וואס עס זינגט ביים אריינרופן אין דער האטליניע. דער ניגון איז פול מיט רגש און עס באראיגט די געמיטער און ברענגט אריין אין אונז אמונה פשוטה.
יישר כח פאר דעם און פאר אלעס

## מצד די געבער

מיר וואוינען אין די שטאט אלעד. מיר האבן תורם געווען געלט אז מען זאל אויסשפרייטן די גליונות און אין א קורצער צייט איז אונזער טאכטער געווארן א כלה בשעה טובה ומוצלחת. מיר דאנקען השי"ת און וועגן דעם זענען מיר ווייטער תורם דא א סומע. זייט'ס ממשיך צו מפיץ זיין די שיינע און רייכע תוכן אז כלל ישראל זאל זיך קענען מחזק זיין אין אמונה.

**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | פלוס על שם 'שער הבטחון' |

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**